**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/4/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז סטעיט פאליציי האבן אויסגעגעבן מער פון 32,900 טיקעטס דוכאויס נאציאנאלע DWI אינפארסירונג קאמפיין דורכאויס די ערשטע טאג פונעם נייעם יאר**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי האט אויסגעגעבן 32,934 טיקעטס און ארעסטירט 453 מענטשן פאר שיכור'ע דרייווען דורכאויס די נאציאנאלע דרייווען שיכור (driving while intoxicated, DWI) אינפארסירונג קאמפיין וואס האט זיך אנגעהויבן מיטוואך, דעצעמבער 14, 2022 און אנגעגאנגען דורכאויס די ערשטע טאג פונעם נייעם יאר, זונטאג, יאנואר 1, 2023. טרופערס האבן ארעסטירט 453 מענטשן פאר DWI פארלעצונגען און האבן אויסגעפארשט 4,417 עקסידענטן וועלכע האבן פאראורזאכט 528 פארוואונדעטע מענטשן און אכט פאטאליטעטן.

"איך באדאנק די סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג פאר זייערע אנגייענדע באמיאונגען צו אראפנעמען געפארפולע דרייווערס פון די שאסייען און באשיצן אלע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן נישט שטיין אויפן זייט ווען פארמיידליכע טראגעדיעס ווערן פאראורזאכט דורך שיכור'ע און זינלאזע דרייווערס, און מיר וועלן פארזעצן אונזער אגרעסיווע אינפארסירונג מאסנאמען צו מאכן די שאסייען זיכער פאר אלע וועלכע נוצן זיי."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "איינס פון די מיסיעס מיט די העכסטע פריאריטעט ביי די ניו יארק סטעיט פאליציי איז צו פארמערן די זיכערהייט אויף הייוועיס דורכן זיך קאנצענטרירן אויף צו רעדוצירן עקסידענטן דורך אנגעטרונקענע דרייווערס. דורך אונזערע לעצטיגע אינפארסירונג באמיאונגען, ווי אויך דורך די ארבעט פון די טרופערס אויף א טאג-טעגליכן פארנעם, האבן מיר געמאכט אונזערע שאסייעס זיכערער פאר די פובליק. די ניו יארק סטעיט פאליציי מוטיגט דרייווערס אויך צו לייגן זיכערהייט אלץ זייער הויפט פריאריטעט צו העלפן רעדוצירן די עקסידענטן. אונזער מעסעדזש איז פשוט: דרייוועט נישט נאכן טרונקען. דורכן אונטערנעמען שריט פון פאראויס, קענען מיר רעדוצירן די צאל פון קאר עקסידענטן וואס ווערן פאראורזאכט דורך אנגעטרונקענע דרייווערס."

**דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles) קאמישאנער און פארזיצער פון די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ( Governor's Traffic Safety Committee), מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "די ציפערן זענען נאך א צייכן אז די באמיאונגען ארבעטן צו האלטן אונזערע געסער און הייוועיס זיכער. מיר זענען אייביג שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אויף די קאמפיינען און צו פארזעצן צו פארשפרייטן די מעסעדזש פאר דרייווערס און פאסאנזשירן צוגלייך — אויב איר גייט ארויסגיין פייערן, מאכט א פלאן פון פאראויס און ברענגט אייך און יעדן אנדערש אהיים זיכערערהייט. עס איז איינפאך צו טוהן און עס קען מאכן א ריזיגע חילוק."

דורכאויס די קאמפיין האט די סטעיט פאליציי אוועקגעשטעלט ניכטערקייט טשעקפוינטס, נאך DWI פאטראל קארן און זיי האבן געגעבן טיקעטס פאר דרייווערס וועלכע האבן געהאלטן עלעקטראנישע דעווייסעס אין די האנט. טרופערס האבן אויך גענוצט סיי אנגעצייכנטע סטעיט פאליציי קארן און סיי באהאלטענע טראפיק אינפארסירונג קארן (Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) אלץ טייל פון די קאמפיין צו קענען גרינגער אידענטיפיצירן דרייווערס וועלכע האבן פארלעצט די געזעץ. די קארן מישן זיך אויס מיט די טאג-טעגליכע טראפיק, אבער זיי קענען קלאר אנערקענט ווערן אלץ עמערדזשענסי קארן ווען די עמערדזשענסי לעמפלעך ווערן אנגעצינדן.

אלץ טייל פון די אינפארסירונג קאמפיין האבן טרופערס אויך געציהלט שנעל-פארנדע און אגרעסיווע דרייווערס אריבער די סטעיט. פאלגנד זענען אויסגערעכנט די סארטן טיקעטס וועלכע זענען געגעבן געווארן.

- פארן שנעל 11,305
- אומאויפמערקזאמע דרייווען 912
- סיטבעלט פארלעצונגען 916
- זיך נישט ארויסרוקן פון די וועג פאר עמערדזשענסי קארן 316

די רעזולטאטן פון די קאמפיין, אויסגערעכנט לויט דעם טרופ זענען ווי פאלגנד:

| **טרופ** | **ראיאן** | **שנעלקייט** | **DWI ארעסטן** (צאל מענטשן) | **אומאויפמערקזאמע דרייוון** | **קינדער זיץ/ סיטבעלט** | **זיך אריבעררוקן פאר עמערדזשענסי קארן** | **סך הכל טיקעטס** (רעכנט אריין אנדערע פארלעצונגען) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **A** | **Western NY** | 843 | 36 | 78 | 67 | 13 | 2,597 |
| **B** | **North Country** | 681 | 22 | 21 | 42 | 28 | 2,204 |
| **C** | **Southern Tier** | 898 | 23 | 55 | 36 | 29 | 2,369 |
| **D** | **Central NY** | 753 | 41 | 62 | 124 | 11 | 2,945 |
| **E** | **Finger Lakes** | 917 | 33 | 60 | 135 | 19 | 3,302 |
| **F** | **Upper Hudson Valley** | 1,271 | 87 | 140 | 131 | 27 | 3,138 |

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 2,690 | 48 | 38 | 94 | 39 | 1,008 | **Capital Region** | **G** |
| 4,122 | 35 | 85 | 108 | 76 | 1,911 | **Lower Hudson Valley** | **K** |
| 2,931 | 3 | 75 | 134 | 49 | 845 | **Long Island** | **L** |
| 1,831 | 2 | 56 | 53 | 11 | 262 | **New York City** | **NYC** |
| 4,805 | 101 | 127 | 107 | 36 | 1,916 | **NYS Thruway** | **T** |

###


נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן